

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת פנחס

# כבוד און שעצונג

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים

כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון דיין טאטע

## פרשת פנחס

# כבוד און שעצונג

### תלמוד תורה ודעת

"א גוט מארגן קינדער," האט רבי חיימאוויטש זיי באגריסט אריינקומענדיג אין כתה, "וואס מאכט עטס, טייערע קינדער?"

"א גוט מארגן, רבי," האט יוסף פרייליך באגריסט דעם רבי'ן. "דער רבי האט געהערט די לעצטע נייעס פון מעיאר מעקיגלאַדי?

"אוי, וואס איז שוין ווייטער?" האט דער רבי ארויסגעקרעכצט, "ער פלאנט צו מאכן נאך א פאראדע?" (זע תורת אביגדור פאר יונגווארג - פרשת שלח).

"ניין," האט אנטשי זיך אריינגעמישט, "דאס איז נאכמער פרייליך ווי יענץ!"

"יא," האט שימשי גענומען דאס ווארט, "ער שרייבט נאך א בוך! דאסמאל וועט עס זיין פון אלע זיינע געוואלדיגע אויפטואונגען וואס ער האט געטון פאר די קינדער פון שטאט!"

"ער האט געטון גוטע זאכן פאר די קינדער?" האט רבי חיימאוויטש געפרעגט פארוואונדערט, "וואס האט ער שוין געטון?"

"יא, פאר דער ערשטער בוך האט ער שוין געמאכט א פאראדע," האט חנינא קלאר געמאכט דעם ענין, "און יעצט מאכט ער א גרויסן גורל פאר אלע קינדער פון געגענט. און דער געווינער וועט האבן די געוואלדיגע זכי' צו קומען באזוכן זיין אפיס אין סיטי-האל וואו ער וועט אים אויספרעגן און דערנאך וועט ער עס פארצייכענען אין זיין בוך."

"אוי טייערע קינדערלעך, "וואס אינטערעסירט אונז די גוי'שע פאליטיק? וואס האט דאס צו טון מיט אונז? און בכלל, וואס גייט אונז אן פון דער מעיאר'ס געשעפטן?"

"אבער ס'וועט זיין אזוי אינטערעסאנט," האט יוסף זיך אנגערופן, "שטעל זיך פאר ווי איך געווין דעם גורל און דער מעיאר פרעגט מיך אויס שאלות און יעדער ליינט פון מיר אין זיין בוך!

"איך הער, איך הער," האט דער רבי צוגעשאקלט מיטן קאפ, "און וואס איז מיט אונזער בוך וואו יעדער האט א געלעגנהייט צו ווערן דארט פארשריבן? און דו דארפסט נישט געווינען דעם גורל צו ווערן איינגעשריבן.

אין קלאס האט זיך אראפגעלאזט א טאטאלער שטילקייט. יעדער האט זיך פרובירט צו ברעכן קאפ וואס דער רבי האט דא געמיינט צו זאגן.

"אפשר מיינט דער רבי דעם ארטיקל איבער דער מנהל, רבי גאמבא, וואס וועט אי"ה ערשיינען דעם חודש אינעם אויסגאבע?" האט יענקי פרובירט צו צאמשטעלן דעם

פאזל. ״איך מיין אז מיר װעלן זיין באשריבן אין דעם ארטיקל װייל מ׳רעדט דארט פון אונזער חדר אבער עס װעט מן הסתם נישט שטיין דארט אונזערע נעמען. אבער אין דעם מעיאר׳ס בוך װעט מען קלאר ארויסשרייבן דעם קינד׳ס נאמען און דאס װעט זיין אן עכטע בוך און נישט סתם אן אויסגאבע!״



״ניין ניין, נישט דאס האב איך געמיינט,״ האט דער רבי קלאר געמאכט, ״איך רעד בכלל נישט פון אן עכטע בוך נאר פון עפעס װאס איז אסאך מער חשוב׳ער פון סיי װעלכע בוך װאס איינער האט נאר אמאל געשריבן.״ די קינדער האבן זיך צוגעהערט מיט נייגער װי רבי היימאװיטש האט װייטער געשילדערט איבער דער חשובער בוך װאו זיי װעלן װערן באשריבן.

״איך האב ענק שוין עטליכע מאל דערציילט אז װען איך האב געװאוינט אין ניו יארק פלעג איך גיין הערן די שיעורים פון הגה״צ רבי אביגדור מיללער ז״ל. יעצט הערטס ענק גוט צו צו די אויסטערלישע זאך װאס ער האט געזאגט ביי די שיעור פון פרשת פנחס.

מיר האבן שוין געלערנט אין פרשת פנחס אז די בנות צלפחד זענען געקומען צו משה רבינו און געבעטן א חלקה אין ארץ ישראל, אזוי װי זייער טאטע איז שוין נפטר געװארן האבן זיי נישט באקומען א חלקה. און ס׳איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז די תורה ברענגט אראפ די נעמען פון די טעכטער. מען מוז פארשטיין אז זיי זענען נישט געװען ספעציעלע רעביצינס נאר פשוט׳ע ערליכע מיידלעך. אבער אזוי װי זיי האבן געטון מצוות און מעשים טובים האבן זיי געהאט די זכי׳ צו װערן פארשריבן אין דער תורה.

קענסטו זיך דאס פארשטעלן? וואס קען זיין א גרעסערע זכי׳ פון דעם ווי זיין באשריבן אין דער חומש וואס אידן לערנען אין דעם יעדעס יאר פאר טויזענטער יארן?

יוסף האט אויפגעהויבן זיין האנט, "אבער רבי, די תורה און די חומשים זענען שוין געשריבן געווארן, ס׳איז שוין צו שפעט אז אונזערע נעמען זאלן שטיין דארט," האט ער געפרעגט די שאלה וואס אלע קינדער האבן געהאט אין זייער קאפ.

"אה," האט רבי חיימאוויטש צוגעשאקלט, אויף דעם האט ער געווארט. "אבער קינדער איר זאלט וויסן אז ס׳דא א נייע ספר וואס האלט זיך אינמיטן שרייבן!"

"וואס? ווען? וואו? ווער שרייבט עס?" האבן די קינדער אויסגעשריגן ווי אין א כאר.

"בארואיגט׳ס ענק," האט דער רבי שטיל געמאכט דעם עולם, "דער מדרש ברענגט אז אליהו הנביא און די מלך המשיח וועלן אפשרייבן א נייעם ספר פון אלע מצוות און מעשים טובים וואס אידישע קינדער טוען היינטיגע צייטן און דערנאך זאגט דער מדרש אז דער אויבערשטער אליין, כביכול, וועט אונטערשרייבן דעם ספר.

יעצט טראכטס אריין קינדער, וואס קען שוין זיין אויב מען וועט ווערן באשריבן אין א בוך פון ווייסער וועמען? אבער צו ווערן פארשריבן אין דער אויבערשטנ׳ס תורה איז נישטא קיין בעסער׳ס פון דעם! קענסט זיך פארשטעלן וואס דאס מיינט? אז דורך לערנען די הייליגע תורה און טון אירע מצוות קען מען זוכה זיין צו שטיין אין דעם אויבערשטנ׳ס הייליגע ספר פאר אייביג.

און אויב ענק וועלן זיין גוטע קינדער, היטן די הייליגע תורה וועלן ענקערע נעמען שטיין קלאר ארויסגעשריבן אין דעם הייליגן ספר אזוי ווי די בנות צלפחד: מַחְלָה נֹעָה חָגְלָה מִלְכָּה און תִרְצָה! און ווען יעדער וועט שוין האבן פארגעסן פון דער מעיאר מיט זיינע ביכער וועלן נאך אלץ זיין מענטשן וואס וועלן ליינען פון אונז אין דעם הייליגן ספר פון משיח.

"רבי," האט נחום אויפגעהויבן זיין האנט, " וועט מען ליינען אין דעם ספר יעדע וואך אין שול?"

"און ווייס נישט," האט דער רבי געענטפערט אבער איין זאך איז קלאר אז ס׳איז נישטא קיין גרעסערע כבוד ווי צו האבן דעם אייגענעם נאמען פארצייכנט אין דעם ספר פון רבונו של עולם, וואו ער אליין געבט זיין אונטערשריפט אז דו ביסט א צדיק און אן עובד השם!"

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר׳ משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**